CAT



# קאָמיטעט געשאַפן צו קויפן הערמאַן וואלד׳ס „קריעה"

## סקולפּטור וועט זיין אייגנטום פון ד.א. אידן

„קריעה", די אימפּאָזאנטע בראָנז-פיגור פון באַקאַנטן היגן אידישן סקולפּטור הערמאַן וואלד, וועט ווערן דאָס אייגנטום פון די ד.א. אידן.

א קאָמיטעט איז נאָרוואָס געשאַפן געוואָרן מיטן ציל צו קויפן דאָס-דאָזיקע ווערק און עס איבערגעבן צום באָארד אָוו דעפּיוטיס.

די סקולפּטור איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי די נאָרמאלע פיגור פון א מענטש און סימבאָליזירט דעם אידישן טרויער נאָך די זעקס מיליאָן קדושים און דעם גלויבן אין „עם ישראל חי". זי וועט געשטעלט ווערן אין א פּראָמינענטן עפנטלעכן פּלאַץ, ביז זי וועט געפינען איר שטענדיקע היים אין דעם געמיינדע־בנין וואָס וועט, ווי מ׳האָפט, אויסגעבויט ווערן אין יאָהאַנעסבורג אין דער נאָענטער צוקונפט.

די בראָנזענע סקולפּטור וועט קאָסטן 2,000 פונט. אן אפּיל ווערט געמאַכט צו דער אידישער געמיינדע בייצוטראָגן צו דעם צוועק. בייטראַגן קענען געשיקט ווערן צום

**"Committee for the Acquisition of Wald's "Keriah,"
P.O. Box 1180, Johannesburg.**

דער קאָמיטעט באַשטייט פון אדוו. א. י. מייזעלס, פּאָרזיצער פון באָארד אָוו דעפּיוטיס, מר. ב. גערינג, פּאָר-



הערמאַן וואלד מיט זיין פיגור „קריעה"
**(Photo: S.A. Press Services.)**

זיצער פון דער ציונ. פעדעראציע, ה"ה ל. פייט, ר. פעלדמאַן, ס. יעלין, א. אָוועדאָף, ל. מלמד (ערן־סעקרעטאר) און מרס. א. וויטקין.